# אין וואַרשעווער געטאָ איז חודש ניסן

אין וואַרשעווער געטאָ איז איצט חודש ניסן, —
אויף כּוסות פון באָרשטש און אויף מצות פון קלײַען
דערציילט מען אויף ס'נײַ די אַמאָליקע נסים,
ווי ס'ייִדישע פאָלק איז אַרויס פון מצרים.
ווי אַלט איז די מעשׂה, ווי אַלט איז דער ניגון,
נאָר איצט, בײַ פאַרהאָנגענע פענצטער דער סדר
גייט אָן, און צעמישט ווערט דער אמת און ליגן,
און שווער איז זיי ביידע פאַנאַדערצושיידן...
כּל דכפין בײַ פענצטער פאַרשטעלטע און טירן,
כּל דיכפין — און ס'שלאָפן פון הונגער די קליינע,
כּל דכפין — בײַ ליידיקע פּסח-געשירן,
כּל דכפין — און ס'כליפּען די גרײַזגרויע זקנים.

אין וואַרשעווער געטאָ איז איצט חודש ניסן,
און עמעץ קאָן טראַכטן, אַז אָט די געשטאַלטן,
וואָס שאָקלען זיך פאָרכטיק דאָ, זענען אנוסים
וואָס האָבן זיך דאָ פאַרן דרויסן באַהאַלטן.
ניין, ס'רעשטל פון פאָלק, פון די שישים מאָל ריבוי,
וואָס משה האָט דעמאָלט געפירט פון מצרים,
איז איצטער אין געטאָ געוואָרן פאַרטריבן —
ס'איז שטאַרבן דערלויבט, נישט פאַרווערט איז צו שרײַען.
פון האָלאַנד, פון בעלגיע, פון פראַנקרײַך, פון פּוילן —
דאָ זיצן זיי איצטער די לעצטע און וויינען,
דאָ זיצן זיי איצטער, באַרויבטע און הוילע —
פון פופציק משפּחות געוואָרן איז איינע.

אין וואַרשעווער געטאָ איז איצט חודש ניסן,
אָט איז די וואָלינסקע, דער בוידעם דער קרומער.
מײַן מאַמע האָט געסט: צו איר סדר — פון בריסל
די זין מיט די אייניקלעך זענען געקומען.
צו וואָס האָט די מאַמע אַ סדר פאַרגרייט זיי?
ווער האָט זיך אויף זיי, אומגעריכטע, געראָכטן?
באַגלייט פון „מלאכים" מיט העק און מיט קרייצן —
זיי זענען געקומען אויף ווערן געשאָכטן.
דער טיש איז געדעקט און עס שטייען די כּוסות,
געגרייטע פאַר איבערגעציילטע נפשות.
נאָר ס'בעטן די אייניקלעך ברויט אויף פראַנצויזיש,
און קיינער פון זיי וויל נישט פרעגן די קשיות.

אין וואַרשעווער געטאָ איז איצט חודש ניסן.
מײַן מאַמע טוט אָן אויף איר פּנים דעם שמייכל.
די ליפּן, וואָס זענען פון הונגער פאַרביסן —
פון יום-טוב זיי ווערן איצט מילדער און ווייכער.
די אויגן בײַ איר הייבן ווידער אָן שײַנען,
אַזוי ווי אַ מאָל אין פאַרגאַנגענע יאָרן,
און ס'שווימען אין זיי אויף די ראָזשינקע-ווײַנען
פון אַלטע, פאַרגעסענע, ווײַטע סדרים.
נאָר פּלוצלינג וואַקסט אָן אין זיי גרויליקער חידוש,
אין שטוינונג צעשטערקט זי די הענט אירע פרומע.
אַנשטאָט אָנצוהייבן דעם סדר מיט קידוש —
די זין הייבן אָן שפּוך-חמתך צו ברומען.

אין וואַרשעווער געטאָ איז איצט חודש ניסן,
און פול שטייט דער כּוס אליהו הנביאס,
נאָר ווער האָט דעם סדר דאָ איבערגעריסן?
פון כּוס וועט באַלד טרינקען דער מלאך המוות.
ווי שטענדיק — די דײַטשישע שפּראַך פון מושטרירן —
ווי שטענדיק — די שפּראַך פון באַפעלן געניטע —
ווי שטענדיק — זיי׳ זענען געקומען איצט פירן
אַ טייל פונעם ייִדישן פאָלק צו דער שחיטה.
נאָר מער וויל דאָס געטאָ נישט הערן דאָס זידלען
פון נאַצים, וואָס פירן אַ פאָלק צו פאַרלענדונג,
מיט בלוט וועט מען איצטער באַשמירן די שטידלען,
מיט בלוט פון די דײַטשן, מיט בלוט פון די שענדער.

אין וואַרשעווער געטאָ איז איצט חודש ניסן —
פון שכן צו שכן ווערט איבערגעגעבן:
דאָס דײַטשישע בלוט זאָל אָן אויפהער זיך גיסן
כּל זמן ס׳וועט אַ ייִד אינעם געטאָ נאָך לעבן.
פאַר זיי זאָל אין אויגן נישט זײַן קיין הכנעה;
פאַר זיי זאָל אין אויגן נישט זײַן מער קיין טרערן,
נאָר שׂנאה, עקשנות און ווילדע הנאה
פון שטיין זיי אַנטקעגן, פון קאָנען זיך ווערן!
אָט הער, ווי אין האַלבנאַכט עס הילכן די שאָסן,
אָט הער, ווי דער טויט יאָגט אויף דײַטשישע שפּורן,
אָט הער:
די געשיכטע ווערט איצט אָפּגעשלאָסן
מיט העלדישן אומקום אין ליל־השימורים.

אַלמאַ־אַטאַ — מאָסקווע,
1943 — 1944